# ליל ש"ק פרשת עקב תשס"ח

פרייטאג צו נאכט'ס אין די ערשטע סעודה האט מוהרא"ש נ"י גערעדט מורא'דיגע דיבורים אויף דעם פסוק: "וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם".

## מה הן המצוות הקלות

פתח ואמר מוהרא"ש נ"י, עס שטייט (דברים ז, יב): "וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם וְשָׁמַר ה' אֱלֹהֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית וְאֶת הַחֶסֶד אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ". זאגט רש"י, והיה עקב תשמעון, אויב די גרינגע מצוות וואס א מענטש טרעט אפ אין זיינע פאדעשוועס – זאלט איהר הערן, ושמר ה' אלקיך לך את הברית, וועט אכטונג געבן פאר דיר אויף דער בונד , עיין שם.

און מען דארף פארשטיין, וואס זענען די גרינגע מצוות וואס אויף זיי איז געזאגט געווארן 'אדם דש בעקביו'?

## מקרא משנה ותלמוד

און אין בעל הטורים שטייט, תשמעון ושמרתם ועשיתם, דריי, אקעגן מקרא, משנה ותלמוד, עיין שם, דאס זענען די דריי יסודית'דיגע לימודים פון נגלות התורה, וואס זיי זענען תנ"ך משניות מיט גמרא, און זיי זענען קעגן די דריי עולמות – עשיה, יצירה, און בריאה, אזוי ווי עס שטייט אין תיקוני זוהר, און א מענטש דארף צו לערנען אפילו אביסל פון זיי, יעדן טאג, און אזוי ווי עס שטייט אין כתבי האריז"ל (פרי עץ חיים שער הנהגת הלימוד פרק א').

און מען קען זאגן, אז די זענען די מצוות קלות שאדם דש בעקביו, ווייל ביי רוב מענטשן די סדר הלימוד איז זייער מזולזל (וואלגל), און עס קענען אריבער גיין וואכן מיט חודשים אז ער עפענט נישט אויף א חומש אדער א משניות אדער א גמרא, חס ושלום, ווייל עס דאכט איהם אז דאס איז א גרינגע זאך, און ער ווייסט נישט די גרויסע חשיבות פון די לימודים, אפילו א ביסל, און אפילו בדרך גירסא, און טאמער ער וואלט געוואוסט די גרויסע חשיבות פון לערנען תורה, און אזוי ווי יעדע ווארט און יעדע אות איז א מצוה פאר זיך, וואלט ער געזאגט אסאך פסוקי תנ"ך מיט פרקים משניות און בלעטער גמרא.

## כל לימוד חשוב

ווייל ביי מענטשן איז אפגעלייגט אז נאר א רציפות'דיגע לערנען פון אסאך צייט, מיט א טיפע עיון, מיט מפרשים מיט אלע נושאי כלים, איז חשוב! אבער פאר א קורצן צייט און אין גירסא איז נישט דא קיין חשיבות נישט, און דאס איז א גרויסע טעות, ווייל עס איז דא א גרויסע חשיבות פאר יעדע אות פון די תורה הקדושה, און אויף יעדע רגע וואס מען לערנט איז מען זוכה צו א אומ'עקעדיגע שכר. אבער ווייל דער ענין איז פאהוילן פון מענטשן, דעריבער איז מען מזולזל אין דעם, דערפאר ווערט דאס אנגערופן "מצות קלות שאדם דש בעקביו", ווייל זיי ווייסן נישט די מעלה פון די סארט לערנען.

וואויל איז דער, וואס לאזט זיך נישט נארן, נאר ער כאפט אין יעדן טאג אפילו א ביסל פון די לימודים, אזוי ווי חומש ורש"י פון פרשת השבוע, און איין פרק אדער א פאר פרקים משניות כסדרן, און אויך א בלאט גמרא בבלי, און א בלאט גמרא פון תלמוד ירושלמי, און א פרק תוספתא, און ער לערנט אויך אביסל מדרש



breslevcity.co.il

מיט זוהר, וואס דאס איז בכלל די נסתרות פון די תורה, וואס זיי זענען קענן די עולם האצילות, דעמאלם האט זיין נפש א מזון רוחני פון אלע פיר עולמות אין יעדן טאג, און ער מאכט זאט זיין נפש מיט קדושה.

## מזונא דגופא ומזונא דנשמתא

און מען זעט בחוש, אז אין גשמיות א מענטש לאזט זיך נישט נארן אין זיין עסן, נאר ער פארזיכט פון אלערליי געשמאקע עסנווארג, און אפילו ווען זיין חבר קוקט אויף איהם, און ער לאכט זיך אוים פון איהם, כאפט ער גארנישט קיין התפעלות פון איהם, און ער עסט ווייטער, און ער ווערט זאט פון זיין הונגער. און אזוי דארף צו זיין אויך ברוחניות, א מענטש זאל עסן יעדן טאג א רוחניות'דיגע סעודה, פון אלע פיר עולמות, און ער זאל זיך אנזאטיגן מיט מזונא דנשמתא אזוי ווי ער זאטיגט זיך מיט די מזונא דגופא (ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סי' ח'), און דאס ווערט אנגערופן והיה "עקב" תשמעון, וואס ער הערט די קול פונעם אייבישטער, אין די בחינה פון עקביים.

און דער הייליגער רבי זאגט (שם), אז דורך מזונא דגופא, דאס הייסט אכילה ושתיה, פארגרעסערט מען די "עקב" פון סטרא אחרא, און אזוי ווי עס שטייט (תהלים מא): "אוכל לחמי הגדיל עלי "עקב", ווייל דורך די עסן ווערט געשטארקט די פארדעשוועם מיט די פוס, און אזוי ווי חכמינו הקדושים זאגן (שבת קנב ע"א): 'דוק' בכבי ותשכח בנגרי', און רש"י טייטשט: עס אסאך און דו וועסט טרעפן די עסן אין דיינע פוס-טרים, אז דיין כח וועט זיך שטארקן.

אבער ווען א מענטש לייגט אריין זיין כח נאר אין מזונא דגופא, דעמאלט ווערט אפגעשוואכט זיין מזונא דנשמתא, און עס ווערט פארגרעסערט די עקב פון סטרא אחרא, חס ושלום, אבער ווען עסט יעדן טאג אויך א מזון רוחני פון תורה פאר זיין נשמה, דעמאלט פארגרעסערט ער די עקב דקדושה, און עס ווערט נתקיים אין איהם (משלי כב): "עקב" ענוה יראת ה'.

דעריבער איז גאנץ פארשטענדליך אז די הייליגע לימודים ווערן אנגערופן - "מצות קלות שאדם דש בעקביו", ווייל אין אמת'ן זענען זיי גאר גרינגע מצוות, וואס יעדער קען דאס מקיים זיין, אפילו אויף א שנעלע אופן, אבער רוב מענטשן זענען מזלזל אין דעם.

וואויל איז דער וואס לאזט זיך נישט נארן, און ער כאפט א ביסל פון זיי – יעדן טאג.

## סיום הש"ס של הרב בענגיס

און מוהרא"ש נ"י האט פארציילט, אז דער ירושלימ'ער רָב, דער גרויסער גאון, רבי זעליג ראובן בענגיס, זכר צדיק לברכה, איז געווען א מורא'דיגע מתמיד, און ער האט געמאכט א סיום אויף גאנץ ש"ם הונדערט און איין מאל. אמאל האט ער גערופן זיינע מענטשן צו א סעודה פון סיום הש"ם, און אלע האבן זיך געוואונדערט, ווייל נישט לאנג צוריק האט ער געענדיגט די ש"ם, און זיי האבן נישט פארשטאנען ווי אזוי האט ער אין אזא קורצע צייט איבערגעלערנט די גאנצע ש"ם נאכאמאל, האט הרב בענגים מסביר געווען, אז דער סיום, איז עפעם א ספציעלע סיום, ווארום ווייל ער איז דער רב פון ירושלים, בעל כרחו רופט מען איהם צו אסאך חתונות און בריתים, זיין א מסדר קידושין און נעמען סנדקאות, און על פי רוב געדויערט צייט ביז מ'גרייט אן די חופה אדער ביז ווען מען ברענגט דעם קינד צו די ברית. דערפאר ברענגט ער מיט זיך א גמרא און ביז מען ווארט אויף די חופה אדער צו דעם ברית,



breslevcity.co.il

לערנט ער גמרא אויף די סדר, אביסל און נאך א ביסל, און דאס איז דעם סיום וואס ער פראוועט יעצט, פון אלע קליינע זמנים וואס ער האט געלערנט ווען ער האט געווארט...

קומט אוים, אז דער וואס האט שכל, קען מצרף זיין קליינע לימודים קטנים זאלן זיך צונויף קומען צו א גרויסע חשבון, און שפאצירן דורך דעם אין אלע ערטער פון די תורה הקדושה, אשרי לו.

## דש בעקביו – כבוד חברו

און עס איז דא נאך א וויכטיגע זאך וואס איז גרינג ביי מענטשן, אז מענטשן זענען 'דש בעקבותיהם', מצער זיין דער חבר מיט עפעס א צער, און פאר מענטשן דאכט זיך אז דאס איז גארנישט, און וואס איז דא אין דעם אז ער האט מצער געווען זיין חבר מיט זיין גוף אדער מיט זיין געלט, אבער דאס איז באמת גאר א הארבע זאך, און מ'וועט דעם אויף דארפן טייער באצאהלען, מדה כנגד מדה, און אזוי ווי עס שטייט (ויקרא כד): "כאשר יתן מום באדם כן ינתן בו", און א מענטש דארף זיך שטענדיג משפט'ן, אויב ער האט נישט עמיצער מצער געווען, און אויב ער האט נישט גענומען פון איהם געלט שלא כדין, ווייל אויב ער וועט נישט מאכן א משפט פאר זיך, וועט געטוהן ווערן מיט איהם א משפט פון אויבן, און אזוי ווי חכמינו הקדושים זאגן (ספרי שופטים): 'כשאין משפט למטה יש משפט למעלה', אבער ווען ער משפט'ת זיך, ווערט ער געפטר'ת פון אלע משפטים פון אויבן. כי כשיש דין למטה אין דין למעלה.

- און דאס איז די פשט והיה עקב תשמעון זאלסטו הערן די מצוות קלות שאדם דש בעקביו, וואס ער טרעט אפ זיין חבר'ס פוס, און ער איז איהם מצער, את המשפטים האלה ושמרתם ועשיתם אותם, זאלסטו זיך אליין משפט'ן, אויב דו האסט נישט דיין חבר מצער געווען, דעמאלם - ושמר ה' אלקיך את הברית ואת החסד וגו', מדה כנגד מדה, ווייל דו האסט געטוהן חסד מיט די לייט, והבן.

## מעשה נורא שאירע בבני ברק

און מוהרא"ש נ"י האט פארציילט, אז עס איז געווען איין אלטער יוד אין בני ברק וואס ער האט געפלעגט באהאלטן זיין שטוב'ס שליסלעך אויפן שאפער פון די לעקטער אינדערויסן, לעבן זיין דירה, ווייל ס'איהם שווער געווען צו טראגן אלעמאל די שליסלעך מיט זיך. ער האט געהאט א שכן א יונגערמאן וואס דאס איז איהם נישט געפאַלען, ער האט דאס אנגעקוקט ווי הפקרות – איבער צו לאזן די שליסלעך אינדערויסן? האט ער זיך מיישב געווען, אז ער וועט איהם אויסלערנען, און ער האט איהם אפגעטוהן א שטיקל, ער האט אוועק גענומען פון דארטן די שליסלעך, און ער האט זיי באהאלטן ערגעץ אנדערש, און ווען דער אלטער איז צוריק געקומען, האט געהאט גרוים צער דערפון, ער האט נישט געטראפן די שליסלעך, און ער האט נישט געקענט אריין קומען אין שטוב, און ער האט געדארפט רופן זיינע שכנים – זאלן ארויסנעמען א לייטער דורך זייערע טעראסע, און פון דארטן אריין קריכן אין זיין דירה, און ער האט גרוים צער געהאט פון די גאנצע געשעפט, און בשעת צער האט זיך ארויסגעבאפט פון זיין מויל גאר שארפע ווערטער קעגן דער וואס האט גענומען די שליסלעך און האט איהם גורם געווען די גרויסע צער. און עס איז נישט אריבער געגאנגען א לאנגע צייט און דער יונגערמאן איז ליידער נפטר געווארן, רחמנא ליצלן...


breslevcity.co.il

ווייל מען דארף מורא'דיג אכטונג געבן נישט יענעם מצער צו זיין, ווייל שפעטער ליידט מען זייער אסאך, רחמנא ליצלן, וואויל איז דער וואס איז נזהר נישט צו טרעטן אויף זיין חבר'ס פוס, און איהם נישט מצער זיין, בשום פנים ואופן.

**והיה עקב – לחשוב על הסוף והעקב**

אויך איז מרומז אין "והיה עקב תשמעון", אז אלעמאל א מענטש זאל געדענקן די "עקב" מיט דעם סוף, זיין לעצטע טאג, און ער זאל גוט געדענקען, אז עס וועט איהם גארנישט בלייבן ביי זיין לעצטע טאג, נאר די תורה און תפילה, און מצוות און מעשים טובים וואס ער האט זיך פארמאגט, און אזוי ווי דער תנא זאגט (אבות ו') לפי שאין מלווין לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובים ומרגליות אלא מצוות ומעשים טובים בלבד.

ווייל ווען א מענטש זאל דאס געדענקען, וועט יעדע קליינע נקודה זיין פאר א אייביגע קרן, וואס ער האט זוכה געווען צו כאפן פון זיין קדושת יהדותו, און ער וועט זיך אנגרייטן גוטע און שטארקע מלבושים צו חיי עולם הבא, און אזוי ווי עס שטייט (משלי לא) עוז והדר לבושה ותשחק ליום אחרון, און חכמינו הקדושים זאגן אויף דעם (שמות רבה פרשה נב סי' ג) אימתי התורה משחקת לאדם, הוי אומר, ליום אחרון. ווייל דעמאלס וועט ער זיך זייער פרייען מיט יעדע גוטע נקודה טובה וואס ער האט זוכה געווען זיך פארמאגן.

אבער על פי רוב דאס איז א זאך "שאדם דש בעקביו", ער טרעטן דאס אפ אונטער זיין פוס, ווייל ער וויל גארנישט טראכטן פון יום המיתה, אבער ווען ער וועט מקיים זיין "והיה עקב תשמעון", אז ער וועט בייגן זיין אויער גוט צו הערן דעם "עקב" מיט דעם סוף, דעמאלס וועט ער זיך אַלן, מקיים צו זיין די משפטים, ווייל ער וועט גוט אנערקענען, אז נאר דאס וועט איהם איבערבלייבן צו עולם הבא. און דעמאלס ושמר ה' אלקיך לך את הברית ואת החסד אשר נשבע לאבותיך, ווייל ער וועט אנקומען צו די אמת'ע תכלית.

און השם יתברך וועט אונז מזכה זיין, זיך מקדש און מטהר זיין אונזער גאנצע לעבן, און שטענדיג עוסק זיין אין זי טובה פון אונזערע נשמות, ביז מען וועט זוכה זיין, ארופצוגיין, און אינגאנצן נכלל ווערן אין דער אייבישטער, מעתה ועד עולם אמן ואמן.

לעילוי נשמת הבה' אליהו ישראל ב"ר אריה לייב שנרצח ג' אב תש"ע